**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................5:07

מוצאי שב"ק......................6:36

**שיעורים כסדרן**

נ"ך....................משלי כ"ז-כ"ח

בבלי.........................חולין ע"ד

ירושלמי..................שביעית ו'

תוספתא..............זבים פרק א'

רמב"ם.......תמידין ומוספין ח'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תרומה, ד' אדר-א', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 22 (382)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה.** זָאגְט רַשִׁ"י, **לִי לִשְׁמִי.** מוֹהַרַא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר מַאכְן דֶעם מֶענְטְש אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז דִי תּוֹרָה. דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְש וָואס אִיז מְשׁוּגָע גֶעבְּט מֶען אִים קַמֵיעוֹת אוּן שֵׁמוֹת, אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה דִי קַמֵיעַ וָואס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְש פוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אוּן עֶס מַאכְט אִים פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְש.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעווֹאוּינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶועט דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען, אוּן וֶועט זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וַויְיסְט אַז אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְש וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז עֶר פַּארְטִיג, דִי תּוֹרָה וֶועט אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְש פוּן זַיינֶע צֵיין אוּן נֶעגְל. אוּן דֶער מֶענְטְש דַארְף זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר יֶעדְן טָאג עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אוּן לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען כָאטְש זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶס אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ.

אֵייבִּיג וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְש פוּן לֶערְנֶען, עֶר וֶועט אֵייבִּיג אוּנְטֶער רוּקְן אַנְדֶערֶע זַאכְן מִיט וָואס דֶער מֶענְטְש זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, דֶער עִיקָר אַז דֶער מֶענְטְש זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ צַדִּיק אוּן זֶען אַז דֶער מֶענְטְש זָאל עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן אִיבֶּער צוּ ווַייזְן פַאר'ן מֶענְטְש אַז וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הֵייסְט עֶס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, נָאר אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט הֵייסְט עֶס גֶעלֶערְנְט. פוּן אוֹיבְן אוֹיף זֶעט אוֹיס וִוי עֶר ווִיל גָאר אַז דֶער מֶענְטְש זָאל בֶּעסֶער לֶערְנֶען, עֶר זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. דֶער יֵצֶר הָרַע ווַייסְט אָבֶּער אַז מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְש וֶועט טְרַאכְטְן אַז זָאגְן אַלֵיין הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען, ווַייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוּן נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט מֶען דִי גֶעדוּלְד צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה**, זָאגְט דֶער בַּעַל הַטּוּרִים אַז **תְּרוּמָה** אִיז דִי אוֹתִיּוֹת **"תּוֹרָה מ"**, דִי תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אִין פֶערְצִיג טֶעג. דִי תּוֹרָה דַארְף דִי אִידְן נֶעמֶען, אוּן דָאס וֶועט זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן רַשִׁ"י זָאגְט, **לִי לִשְׁמִי**, דִי תּוֹרָה אִיז פִיל מִיט שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי רְפוּאָה אַנְטְקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְש. אָבֶּער עֶס דַארְף זַיין, **מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ**, דֶער מֶענְטְש דַארְף זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן זַיין הַארְץ, עֶר דַארְף שְׁטַארְקְן זַיין הַארְץ זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן דִי אַלֶע דְרֵיידְלֶעךְ מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִים פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ אַז עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ מֶענְטְש וֶועט דָאס טוּן, וֶועט עֶר מִיט דֶעם בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט וואוֹינֶען בַּיי אִים אִין הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּרוּמָה תשס"ט לפ"ק)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### חֲבֵרִים

יֶעדֶער מֶענְטְש הָאט לִיבּ צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְש דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי ווַייט אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (תַּעֲנִית כ"ג.) "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא" - אָדֶער הָאט מֶען חֲבֵרִים, אָדֶער ווִינְטְשְׁט מֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט ח"ו. דָאס ווַייזְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְש הָאט צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, ווַייל אָן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט חֲבֵרִים. חֲבֵרִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ חַבֵר בְּלִינְדֶערְהֵייט. יֶעדֶער מֶענְטְש אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵיינְט זִיךְ, יֶעדֶער זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. וִוי לַאנְג עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶר טַאקֶע זַיין דַיין חַבֵר, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶועט אִים אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט ווִיסְן וָואס עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אוּן קוּק זִיךְ נִישְׁט אָן וִוי אַ דוּרְכְפַאל; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזְרְ'ן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא", דָארְט [אִין הִימְל] וֶועט מֶען ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין.

מֶען זֶעט אַמָאל אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ דָא מִיט אֵיינֶעם, מֶען קֶען מֵיינֶען וֶוער ווַייסְט וָואס יֶענֶער אִיז, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל ווַייסְט מֶען נִיטְאַמָאל פוּן יֶענֶעם. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְש וָואס קֵיינֶער ווַייסְט נִישְׁט פוּן אִים, מֶען מַאכְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין בְּרַאטְל, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב ווַייל עֶר גֵייט אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי אוֹיךְ רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְצֵיילְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים - דָאס אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תְּרוּמָה תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער, וָואס טוּט מֶען?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי אַלֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטֶענְס זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן ב"ה צוּ אַ נֵייעֶ גְרֶעסֶערֶע דִירָה. בַּיי דִי אַלְטֶע דִירָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ סַאךְ שְׁכֵנִים פַאר דִי קִינְדֶער צוּ שְׁפִּילְן, אוּן דָא אִיז דָא אַסַאךְ שְׁכֵנִים. מִיר הָאבְּן גֶעהָאפְּט אַז דָא וֶועלְן דִי קִינְדֶער הָאבְּן מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, לְמַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז דִי שְׁכֵנִים שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין אַ מוֹסָד וִוי מְ'הַאלְט נִישְׁט פוּן דִי מוֹסָד וואוּ מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, אוּן דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁלָאגְן אוּן טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן זֵיי נָאךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע נֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אָבֶּער סְ'הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ, יוֹאֵל**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָאר גוּט דִי וֵוייטָאג וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַז דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה בִּשְׁנַת תשס"ט לִפְרָט קָטָן. דֶעמָאלְט הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל קִינְדֶער פְלֶעגְן זֵיי נָאךְ שְׁרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִיאוּסֶע וֶוערְטֶער. דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן צוּ מִיר 'דָאס אַז מֶען שְׁרֵייט מִיר אָן גֵייט מִיר נִישְׁט אַזוֹי אָן, וִוי דָאס אַז מֶען רוֹדְפְ'ט מַיינֶע קִינְדֶער צוּלִיבּ זֵייעֶר טַאטֶע וְכוּ''; וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין דִי בִּנְיָן וואוּ אִיךְ וואוֹין, צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אֵייעֶר זוּן טְשֶׁעפֶּעט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ רֶעדְט צוּ אִים", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּבִּיסְלֶעךְ, אָבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דִי גַאס וְכוּ' - זֵיי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן, זֵיי פְלֶעגְן מִיר מַאכְן אַ בַּאגְלֵייטְן יֶעדְן טָאג מִיט 'קַאצְן מוּזִיק', צֶענְדְלִיגֶער קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר נָאכְפָארְן מִיט דִי בֵּייקְס אוּן בַּאזִינְגֶען: "פוֹי", "שֵׁגֶץ"; דֶעמָאלְט פְלֶעג אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַהֵיימְצוּקוּמֶען אִין דִי צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִין גַאס וְכוּ'. מַיינֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין פַארְק שְׁפִּילְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעהַאלְטְן מִיט מִיר וְכוּ'.

עֶס אִיז דָא וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן; לְמָשָׁל, מֶען קוֹיפְט פַארְן קִינְד אַ סָארְט בֵּייק וָואס קֵיינֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן נִישְׁט, אוּן אַלֶע קוּקְן דָאס אַרוֹיף, וֶועלְן זֵיי נָאכְלוֹיפְן דַיין קִינְד צִי מֶען קֶען עֶס בָּארְגְן וְכוּ'. אָדֶער מֶען קוֹיפְט זֵיי אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן אִים נָאכְלוֹיפְן צוּ וֶועלְן שְׁפִּילְן מִיט אִים.

אָבֶּער דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז, מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; אוּן אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן וִוי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זָאלְן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן אָן רַחֲמָנוּת, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נְקָמָה, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: 'סֶעלְף דִיפֶּענְס', דָאס אִיז אַ בְּפִירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה: "הַבָּא לְהָרְגְךָ, הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ"; וֶוען אֵיינֶער וִויל דִיר הַרְגְ'נֶען, זָאלְסְטוּ אִים קוֹדֶם הַרְגְ'נֶען, דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער וֶוען זֵיי בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען זֵיי, מֶען זָאל זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעקְלַאפְּן.

מֶען דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז נְקָמָה אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה; נְקָמָה מֵיינְט וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ אוֹיף מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע הֲלָכָה - הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ.

אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר אַלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין דַאר קִינְד בִּכְלַל וְכוּ', אִיז עֶר אַמָאל אַרַיין צוּ מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֶּעטְן אַ בְּרָכָה עֶר זָאל וֶוערְן דַאר; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, אַ קִינְד וָואס קוּמְט בֶּעטְן אַ בְּרָכָה עֶר זָאל זַיין דַאר, אִיז נָאר וַוייל מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אִין חֵדֶר, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן

<<<<<<

>>>>>>

שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן אוּן קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן בְּלִינְדֶערְהֵייט.

דָאס אִיז גָאר אַ וִויכְטִיגֶער כְּלַל וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף חֲבֵרִים בְּלִינְדֶערְהֵייט, וֶוערְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט. דֶער חַבֶר וֶועמֶען מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטְרוֹיעֶט, אוּן יֶענֶער הָאט מַמָשׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הֶעלְפְן; דֶער זֶעלְבֶּער אִיז גָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְן וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער אַזוֹי.

פַארְלָאזְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים ס, יג) "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" - סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן אַ מֶענְטְשׁ. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז סְ'אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי וִוילְן נִישְׁט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶעלְפְן; אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִים צוּ דִי הַאנְט אוּן אִיז אִים גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "שָׁ'וְא תְ'שׁוּעַת אָ'דָם" אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וִוי דִי וֶוערְטֶער "אֲ' שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח". דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דֶעם אַז וִוי מֶער מְ'זֶעט וִוי פַאלְשׁ סְ'אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז בַּיי אַלֶע סָארְט זַאךְ אַזוֹי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ עֶס אָבֶּער מֶער אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אָנְוָוארֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִידִישׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג בַּיי דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס זָאגְט צוּ גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן בַּיי אִים דָאס גֶעלְט, עֶר זָאגְט צוּ אַז מֶען וֶועט מַאכְן דֶערוֹיף טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, טְרַאכְט מֶען נִישְׁט צְוֵויי מָאל אֵיידֶער מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט. אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירְן אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעקְלְט אִינְגַאנְצְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט דִיר אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבֶּעטְן...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן גֶעלְט. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ סְכוּם פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל אַיינְלֵייגְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט בַּיי אִים, אוּן עֶר וֶועט דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן, פִיל מֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶר לֵייגְט אַיין. דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַהִינְגֶעגֶעבְן פַאר יֶענֶעם זַיין גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט. נָאךְ מֶער אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע חוֹדֶשׁ, אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶּער דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט... וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ הָאט אִים יֶענֶער קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט; עֶס טוּט אִים זֵייעֶר לַייד, אָבֶּער דָאס גֶעלְט אִיז מֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען. אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

וֶוען מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין וָוארֶענֶען אוּן חַזְרְ'ן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בְּלוֹיז שְׁפִּילְן מִיר דִיר.

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס גֶעשֶׁעט זֶעלְטְן, דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַרֵיינְגֶעכַאפְּט אִין אַזַא סָארְט פַּאסְטְקֶע. עֶס זֶענֶען דָא גֶערִיבֶּענֶע שְׁוִוינְדְלֶער וֶועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי, וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט. אוּן וֶוען דֶער שְׁוִוינְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַרֵיינְגֶעכַאפְּט גֶענוּג פִישׁ אִין זַיין

<<<<<<

**אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "חָבֵר". אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַ צַדִיק, אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֵר פַאר'ן מֶענְטְשׁ.**

>>>>>>

נֶעץ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקְלִיבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט דֶערְמִיט, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט אָנְגֶעזֶעצְט אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דָאס גֶעלְט.

מֶען דַארְף פָּשׁוּט נוּצְן אַבִּיסְל דֶעם שֵׂכֶל אוּן אַרַיינְקְלֶערְן אַז אוֹיב אַ פְּרִיוָואטֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר קֶען גֶעבְּן מֶער פְּרָאצֶענְט פוּן וִויפִיל דִי בַּאנְק גֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. דָאס שְׁמֶעקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין אָנְהוֹיב וֶועט יֶענֶער אָנְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיין פָּנִים, אוּן עֶרְלִיךְ אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צָאלוּנְגֶען, אוּן מִיט דֶעם גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַזוֹי וִוי אַלֶעס פָּארְט אוֹיף דִי גוּטֶע דִירֶעקְצְיֶע. דָאס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דֶער שְׁפִּיל פוּן דִי לָאטֶערִיעֶס אוּן דִי גֶעמְבְּל-שְׁפִּילְן, וואו דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁווִינְדְלֶער זֶעעֶן דֶערְצוּ אַז אִין אָנְהוֹיב זָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס קְלֵיינִיקַייטְן, אוּן דָאס זָאל גֶעבְּן דֶעם אַפֶּעטִיט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן אִים: "דוּ זֶעסְט דָאךְ וָואסֶערֶע גוּטֶע מַזָל דוּ הָאסְט אַז דוּ פַארְדִינְסְט פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, יֶעצְט לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ מַאכְן דֶערוֹיף כֵּפֶל כִּפְלַיִם"... אוּן דֶער נַאר אִיז דֶער וָואס פָּאלְגְט זֵיי אוּן לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה...

אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס גֵייט אַזוֹי, אַמָאל פַארְדִינְט מֶען אוּן אַמָאל פַארְלִירְט מֶען. פְּרוּבִּיר נָאךְ אֵיין מָאל אוּן דַאן וֶועסְטוּ צוּרִיק מַאכְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט זִיךְ נָאךְ אָן פְרִישֶׁע גֶעלְטֶער מִיט דִי הָאפֶענוּנְג אַז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס קֶענֶען אָפְּצָאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אִין דִי זַייט. אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב צוּ זַיינֶע אַלֶע צָרוֹת. עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אוּן אִינְצְוִוישְׁן, וִוי לַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּ בָּארְגְן פוּן דֶעם אוּן בַּאצָאלְן פַאר יֶענֶעם, קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער מַלְאַךְ הַמָוֶת אוּן מֶען לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן בֵּית עוֹלָם. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (תִּקוּן ג' מֵהַתִּקוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) אַז גֶעלְט שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הַרְגְ'ט אִים אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אוֹיף אִים קֶען מֶען זִיךְ אֱמֶת'דִיג פַארְלָאזְן.

## חֲבֵרִים פוּן דִי גְמָרָא

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מַתִּתְיָהוּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ שְׁוֶועריקַייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ צָרָה, פְלֶעגְט עֶר אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאגְן: "אָמַר רָבָא, אָמַר רָבָא, רָבָא, רָבָא, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אוּן בֶּעט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה. אָמַר אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן תַּנָא אָדֶער אַמוֹרָא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים קוּמֶען צוּ הִילְף. דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט מַמָשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס וֶוערְן דֶערְמַאנְט אִין דִי גְמָרָא. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא אָדֶער אַמוֹרָא שְׁטֵייט אִים פַאר דִי אוֹיגְן.

דָאס זֶענֶען יָא גוּטֶע חֲבֵרִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט אֱמֶת'ֶע חֲבֵרִים קֶען נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא זָאל עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים טַאקֶע זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, צַדִּיק ח"ב אוֹת כ') אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים הֶעלְפְט דָאס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת מַמָשׁ שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר "שְׁמוֹת הַצַדִּיקִים" וואו עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִּיקִים צוּ זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם. אָבֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען בַּאגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, אוּן מֶען קֶען דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה.

אִין חַזַ"ל וֶוערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְגֶערוּפְן אַ "חָבֵר" (עַיֵין בְּמַסֶכֶת דְמַאי וּבְעוֹד הַרְבֵּה מְקוֹמוֹת). דָאס מֵיינְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ צַדִּיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֵר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיט אַ צַדִּיק, דַאן הָאט עֶר אַ רִיכְטִיגֶער חַבֵר וָואס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) זֵייעֶר הַארְבּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט אַלֵיין. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מִיר גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן פַארְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן יָא גֶעלֶערְנְט אַלֵיין. דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אַלְס חֲבֵרִים. סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פוּן דֶעם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן נֶעמְט זֵיי אַלְס חֲבֵרִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף סְתָם חֲבֵרִים וֶועלְכֶע קֶענֶען אִים זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְחֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּטָחוֹן)

>>>>>>

אַזַא סָארְט בְּרָכָה, הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זַיין דַאר, עֶס פֶעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ; אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיר אַז דוּ בִּיסְט גְרָאבּ, זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין". דֶער בָּחוּר פַארְצֵיילְט מִיר, אַז זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ בַּיי אִים אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן מָנָה אַחַת אַפַּיִם, בִּיז אַפָּאר טֶעג אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער הֶעלְד צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן מִיט דֶער צַייט זֶעלְבְּס-זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ.

אַ מְלַמֵד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אִין כִּתָּה ב', אוּן אַ יָאר צוּרִיק הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין דֶער זַייט, אַיינְזַאם, מִיט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל; עֶר פְלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ קוּקְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן בַּיים מְלַמֵד פוּן כִּתָּה א', וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד וְכוּ', הָאט אִים דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "דֶער קִינְד" - מִיט אַ בִּיטוּל - "אִים פְלֶעג אִיךְ יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַלֶע קִינְדֶער, וַוייל עֶר נֶעמְט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל וִוי אַ בֶּעבִּי"; דֶער מְלַמֵד הָאט אִים יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט בְּרַבִּים רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן פוּן אִים אִין כִּתָּה בְּרַבִּים: "קוּקְט קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַ בֶּעבִּי אִין כִּתָּה א' מִיט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג טוּן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, וַוייל דָאס קִינְד אִיז וַוייטֶער גֶעזִיצְן מִיטְן פִינְגֶער אִין מוֹיל, נָאר אֵיין זַאךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲבֵרִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אֵיין חַבֵר - מִיט זַיין פִינְגֶער...

דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן וִוי דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער מְלַמֵד הָאט יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט דָאס קִינְד, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען הֶעלְפְן אַז דֶער קִינְד זָאל וֶוערְן צוּרִיק אַ חֵלֶק פוּן דִי כִּתָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט גֶעהַאט יִשׁוּב הַדַעַת אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם קִינְד: "אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעקוּקְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עַל פִּי הֲלָכָה מֶעג מֶען נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל", אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קִינְדֶער חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט הוֹיךְ פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז מֶען מֶעג נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, אוּן פְּלְאֵי פְלָאִים עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוֵויי דְרֵיי וָואכְן, דָאס קִינְד הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין אַלְטֶער חַבֵר - זַיין פִינְגֶער, אוּן הָאט מֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נֵייעֶ חֲבֵרִים אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ חֵלֶק פוּן זַיין כִּתָּה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער מַאכְט זֵיי אַוֶועק, אוּן וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי זִיכֶער מִיט זִיךְ, אַז וֶוען עֶר זֶעט וִוי אֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, זָאל עֶר זָאגְן צוּ זִיךְ: "דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט, דַארְף אִיךְ דִיר נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל".

וְעַל כּוּלָם הָאבְּן מִיר אַן עֵצָה פוּן תְּפִילָה; וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיינֶע קִינְדֶער. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי ה', זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

BreslevCenter.com\answers

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**



# אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן

דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ וִויסְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעפִילְן, דֶער מַאן הָאט גֶעפִילְן אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעפִילְן, אוּן יֶעדֶער דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן.

אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר הָאט גֶעפִילְן, אוּן עֶס טוּט אִים וֵויי וֶוען אֵיינֶער טְרֶעט אוֹיף דֶעם, וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט. ווִי אוֹיךְ וֵוייסְט יֶעדֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס בַּיי דֶעם אִיז עֶר נָאךְ מֶער סֶענְסִיטִיוו, אוּן עֶר וִויל זִיכֶער נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל אִים טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי זַאכְן, עֶר טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי וֶוען אֵיינֶער קִימֶערְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זַיינֶע גֶעפִילְן, וֶוען יֶענֶער רֶעדְט אוּן טוּט זַאכְן וָואס טְרֶעטְן אוֹיף זַיינֶע סֶענְסִיטִיוֶוע גֶעפִילְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען אוֹיךְ הַאלְטְן קָאפּ אַז יֶענֶער אִיז אוֹיךְ גֶעמַאכְט פוּן פְלֵייש אוּן בְּלוּט, יֶענֶער הָאט אוֹיךְ אַ הַארְץ אוּן גֶעפִילְן, אוּן מְ׳דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן יֶענֶעם, אוּן גָאר סְפֶּעצִיעֶל דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן יֶענֶעם נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן מִיט זַאכְן צוּ וָואס יֶענֶער אִיז מֶער סֶענְסִיטִיוו, מִיט זַאכְן וָואס יֶענֶער וֶועט שְׁטַארְק נֶעמֶען צוּם הַארְץ. אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ׳הָאט טַעֲנוֹת אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, גֶעבְּט דָאס נָאכְנִישְׁט דִי רֶעכְט צוּ טְרֶעטְן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן אוּן יֶענֶעם מְצַעֵר זַיין.

וֶוען דֶער מַאן פַארְשְׁטֵייט דָאס אוּן עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין וַוייבְ׳ס גֶעפִילְן, אוּן דִי פְרוֹי פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע אוּן זִי גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר מַאנְ׳ס גֶעפִילְן, מְ׳פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע יֶענֶעם נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן, נָאר פַארְקֶערְט צוּ מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, צוּ מַאכְן יֶענֶעם שְׁפִּירְן גוּט, צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶענֶעם וֶוען אִימֶער מְ׳קֶען נָאר; דַאן וֶועט זַיין אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת אִין דֶעם הוֹיז, סְ׳וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן אִין אַזַא הוֹיז, סְ׳וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע הֵיים, אוּן יֶעדֶער וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק דָארְט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען.

מְ׳קֶען בְּרֶענְגֶען טוֹיזְנְטֶער מְשָׁלִים פוּן זַאכְן מִיט וָואס מְ׳קֶען טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעפִילְן, לָאמִיר אָבֶּער אָנְכַאפְּן אֵיין בַּיישְׁפִּיל צוּ פַארְשְׁטֵיין בֶּעסֶער דֶעם עִנְיָן.

דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיין מִשְׁפָּחָה, עֶר הָאט לִיבּ זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע. אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז בַּא׳עַוְל׳ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ זֵיי, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעלִיטְן פוּן זֵיי, אִיז עֶר נָאךְ אַלְץ אַ טֵייל פוּן זַיין, אוּן סְ׳וֶועט אִים אֵייבִּיג צִיעֶן צוּרִיק צוּ זֵיי.

מִיט דֶעם וָואס דֶער מַאן מַאכְט אַוֶועק, עֶר שְׁפֶּעט אָפּ אוּן מַאכְט חוֹזֵק פוּן זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת קֶעגְן זֵיי, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ אַלֵיין רֶעדְט אוֹיךְ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג, פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי טוּן פַאר דִי פְרוֹי וֶוען אִיר מַאן רֶעדְט קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז פַארְקֶערְט, וֶוען דִי פְרוֹי רֶעדְט קֶעגְן אִיר מַאנְ׳ס עֶלְטֶערְן, וֶועט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי טוּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אוֹיךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווִיל עֶר אָבֶּער דָאס נִישְׁט הֶערְן פוּן זַיין וַוייבּ, עֶס וֶועט אִים זֵייעֶר שְׁטֶעכְן בַּיים הַארְץ וֶוען זִי וֶועט רֶעדְן קֶעגְן זֵיי.

וָואס פַּאסִירְט וֶוען מְ׳רֶעדְט קֶעגְן דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער? סְ׳וֶוערְט אַ קְלֵיין שְׁטָאךְ אִין הַארְץ. כָּאטְשׁ וָואס אוֹיף דִי מִינוּט וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט אַלְץ אַרוֹיסְזֶען, דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט גָאר מִיטְלַאכְן אוּן מִיטְרֶעדְן קֶעגְן דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ וֶועט וֶוערְן אַ לֶעכְל. אוּן דַאן וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם לֶעכְל גַאנְצֶע גֶעבֵּיידֶעס.

אִין אַ צְוֵוייטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט וֶוען יֶענֶער פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ וַוארְפְן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער סְתָם אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין טְרֶעפְן סִיבּוֹת אוּן זַאכְן פַארְוָואס זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס מְ׳הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער.

דָאס אִיז אֵיין בַּיישְׁפִּיל, אָבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מְ׳טְשֶׁעפֶּעט יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן. מְ׳קֶען אַמָאל צוּקוּקְן ווִי עֶס בְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶער פֵייעֶר פוּן מַחְלוֹקֶת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, יֶעדֶע זַייט הָאט אַ גַאנְצֶע בַּארְג מִיט טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, אוּן סְ׳קֶען אוֹיסְקוּקְן ווִי דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קֶעִיס, סְ׳טוּט זִיךְ דָא גַאנְצֶע בִּנְיָנִים אֵיינֶער קֶעגְן צְוֵוייטְן, סְ׳אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִינְאֵיינֶעם. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלוֹיז מִיט אֵיין קְלֵיינֶע שְׁטוּת וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעפִילְן.

בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה הָאט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז מְ׳הָאט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער ווִי נָאר מְ׳הָאט יֶענֶעם גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטָאךְ אִין זַיינֶע/אִירֶע גֶעפִילְן, יֶענֶער אִיז גֶעוָוארְן בַּאלֵיידִיגְט אוּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם, דַאן וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁטֶערְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ. זַאכְן וָואס אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן וָואלְט דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעבַּאדֶערְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי מְ׳אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁטֶערְן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

דֶערִיבֶּער לָאמִיר הַאלְטְן גוּט קָאפּ, אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן דַאן וֶועט מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן שְׁפֶּעטֶער אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. לָאמִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ מַאכְן יֶענֶעם גוּט שְׁפִּירְן אוֹיפְ׳ן הַארְץ, יֶענֶער זָאל שְׁפִּירְן אַז מְ׳הָאט אִים לִיבּ אוּן מְ׳קוּקְט אִים אַרוֹיף, אוּן דַאן וֶועט דִי הוֹיז זַיין אַ גֶעשְׁמַאק, מִיט אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

(קוּנְטְרֵס אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

גרויס שמחה און פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה, וואס פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך א חבר וואס איז א חתן געווארן למזל טוב. הבחור החשוב דוד ראבינאוויטש נ״ו, א זון פון ביאלע רבי פון בארא פארק שליט״א, איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מוה״ר שלמה ברוך בלוי שליט״א, מחשובי אנ״ש אין אשדוד.

דער חתן האט פלייסיג געלערנט אין ישיבה, וואו ער האט אויסגענוצט די צייט און געענדיגט מסכת נאך מסכת, און געהאט שיעורים אין אלע חלקים פון די תורה. ער איז אויך געווען פון די בחורים וואס האבן געענדיגט מסכת תענית אין קעמפ יעדן טאג פאר פערציג טעג אין א צו, פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא״ש האט געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן לערנען 40 מאל מסכת תענית, און דורך דעם וועלן זיי טרעפן זייער שידוך. אויסער דעם האט ער פיל ארויסגעהאלפן דעם ראש ישיבה ווען נאר ער האט געקענט.

די ישיבה האט א ספעציעלע הכרת הטוב פאר׳ן מחותן מצד החתן דער ביאלע רבי שליט״א, וואס פאר צען יאר צוריק, ווען די ישיבה האט געהאלטן אין די ערשטע יארן פון כל התחלות קשות, האט די ישיבה געהאט איר אכסניה אין זיין ביהמ״ד ביאלע אין בארא פארק.

דער מחותן מצד הכלה, מוה״ר שלמה ברוך בלוי שליט״א, איז פון די תלמידים פון מוהרא״ש פאר לאנגע יארן, און געבט זיך אוועק לייב און לעבן ווייטער צו פארשפרייטן זיינע הייליגע עצות פאר די גאנצע וועלט, אויף פארשידענע אופנים.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז זיי זאלן אויפשטעלן אן ערליכן אידישן הויז, א בית נאמן בישראל.

עוד ישמע בערי יהודה!

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן דוד ראבינאוויטש הי״ו**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט בני חיי ומזוני רויחי, און דורות ישרים ומבורכים


# זייטס מתפלל!

אידישע קינדער זענען מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע רפואה פון א חשובער בחור וואס איז נעבעך גאר שווער געשעדיגט געווארן אין א שרעקליכע עקסידענט

**יצחק בן אהובה שושנה**

**לרפואה שלימה בקרוב**

# הבטחת מוהרא״ש

**מוהרא״ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן ״אשר בנחל״ און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 /**

845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**